**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/08/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט איף פיפטע פארשלאג פון 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע: EMPIRE AI גרופע וועט מאכן ניו יארק פאר די נאציאנאלע פירערין אין AI פארשונג און ערפינדונג**

***איבער 400 מיליאן דאלאר אין רעגירונג און פריוואטע פינאנצירונג צוגעזאגט צו אויפשטעלן 'Empire AI'***

***זיבן פון ניו יארק'ס פירנדע אוניווערסיטעטן און פארשונג אינסטיטוציעס וועלן זיך אנשליסן אין די גרופע צו שטופן פאר פאראנטווארטליכע פארשונג און AI געלעגנהייטן קאנצענטרירט אויף די גוטס פון די פובליקום***

***נייע פאליסי שטעלט אוועק סטאנדארטן פאר פאראנטווארטליכע AI באנוץ דורך סטעיט אגענטורן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א גרופע ווערט צוזאמגעשטעלט צו פארזיכערן ניו יארק'ס פלאץ אויף די סאמע פראנט פון די 'ארטיפישעל אינטעלידזשענס' (artificial intelligence, AI) מהפכה. די גרופע, גערופן Empire AI, וועט אוועקשטעלן און עפענען אן ערשט-קלאסיגע ארטיפישעל אינטעלידזשענס קאמפיוטער צענטער אין אפסטעיט ניו יארק צו גענוצט ווערן דורך ניו יארק'ס פירנדע אינסטיטוציעס צו שטופן פאר פאראנטווארטליכע פארשונג און אנטוויקלונג, שאפן דזשאבס און עפענען AI געלעגנהייטן קאנצענטרירט אויף די טובה פון די פובליקום. גאווערנער האקול האט אויך פארעפנטליכט א נייע פּאליסי צו זיכער מאכן אז אגענטורן אין די סטעיט רעגירונג פארשטייען וויאזוי צו איינשפאנען די געלעגנהייט פון AI טעכנאלאגיע אויף א פאראנטווארליכן פארנעם צו בעסער דינען ניו יארקער.

"זינט די טעג פון די ערי קאנאל איז ניו יארק שטענדיג געשטאנען אין שפיץ פונעם לאנד מיט טעכנאלאגיע און ערפינדונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די Empire AI גרופע וועט זיין טראנספארמאטיוו: ברענגענדיג דזשאבס און געלעגנהייט קיין ניו יארק און מאכנדיג אונז פאר א גלאבאלע פירערין אין די דורכברעכנדע פעלד. צוזאמען מיט אונזערע שותפים אין אקאדעמיע און די פריוואטע סעקטאר, וועלן מיר איינשפאנען די כוח פון ארטיפישעל אינטעלידזשענס און זיכער מאכן אז די טעכנאלאגיע ווערט גענוצט פאר די טובה פון די פובליקום."

צוטריט צו די קאמפיוטער אינפראסטרוקטור וואס איז נויטיג צו קענען לויפן AI סיסטעמען זענען אומגעהויערע טייער און שווער צו פארשאפן. די מיטלען ווערן מער און מער קאנצענטרירט אין די הענט פון גרויסע טעכנאלאגיע פירמעס וועלכע האלטן אן אין זייערע הענט אן איבערגעטריבענע קאנטראל אויף די גאנצע AI דעוועלאפּמענט פעלד. אלס רעזולטאט ווערן פארשער, ארגאניזאציעס וואס ארבעטן פאר די טובה פון די פובליקום און קליינע פירמעס איבערגעלאזט פון הונטן, און דאס האט אומגעהויערע שאדן פאר AI זיכערהייט און פאר די געזעלשאפט בכלל. Empire AI וועט פארמאכן די לאך און פארשנעלערן די אנטוויקלונג פון AI וואס איז צענטרירט ארום די טובה פון די פובליקום פאר ניו יארק סטעיט. דאס

ערמעגליכן די פיאנירנדע AI פארשונג און אנטוויקלונג וועט אויך העלפן בילדונג מוסדות צו ווערן א פלאץ וואו די AI-קאנצענטרירטע טעכנאלאגיע סטאַרט-אָפּס פון די צוקונפט קענען זיך אנטוויקלען, טרייבנדיג דזשאב וואוקס.

Empire AI וועט זיין א גרופע וואס רעכנט אריין זיבן גרונדענדע מוסדות — קאלאמביע, קארנעל אוניווערסיטעט, ניו יארק אוניווערסיטעט, רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט, די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY), די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) און די Simons Foundation. דורכן פארמערן די צוזאמענארבעט צווישן ניו יארק סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע פארשונג אינסטיטוציעס, וועט Empire AI ערלויבן א ווירקזאמקייט וואס קומט מיט א גרויסע פארנעם וואס וואלט נישט געקענט ערגרייכט ווערן דורך קיין איין איינצלנע אוניווערסיטעט אליין, עס וועט באפולמעכטיגן און צוציהען די בעסטע לערער און אויסברייטערן בילדונג געלעגנהייט און עס וועט פירן צו א כוואליע פון פאראנטווארטליכע ערפינדונגען וואס וועלן באדייטנד פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע און אונזער נאציאנאלע זיכערהייט. די באפעלאו אוניווערסיטעט ווערט באטראכט אלס א פאטענציאלע לאקאציע.

צוזאמברענגנדיג AI פארשער, וויסנשאפטלער, ביזנעסלייט, פילאנטראפן און אנדערע — וועט די אינציאטיוו פינאנצירט ווערן מיט איבער 400 מיליאן דאלאר אין רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונג. דאס רעכנט אריין ביז 275 מיליאן דאלאר פון די סטעיט אין גרענטס און אנדערע פינאנצירונג און מער פון 125 מיליאן דאלאר קומענדיג פון די אינסטיטוציעס וואס וועלן זיין מיטגלידער אין די גרופע און פון אנדערע פריוואטע שותפים, אריינרעכענענדיג די Simons Foundation און טאם סעקוּנדע. די Simons Foundation'ס Flatiron Institute איז א קאמיוניטי פון וויסנשאפטלער וואס ארבעטן צו פאראויס רוקן פארשונג דורך קאמפיוטער שיטות, אריינרעכענענדיג דאטא אנאליזירונג, טעאריע, מאדעלן און סימולאציעס. טאם סעקוּנדע איז איינער פון די גרינדער פון Bloomberg LP און די Secunda Family Foundation וואס שטעלט צו מיליאנען דאלארן א יאר אין גרענטס פאר אפהיטונג, העלטקעיר, וויסנשאפטליכע פארשריט און אנדערע צוועקן.

די גאווערנער האט אויך פארארדנט די אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס (Office of Information Technology Services) צו ארויסקומען מיט אן AI פאליסי – די ערשטע פון די סארט – וואס קען געפונען ווערן דא. די פאליסי שטעלט אוועק די פרינציפן און סטאנדארטן לויט וועלכע סטעיט אגענטורן קענען אפשאצן און אננעמען AI סיסטעמען צו בעסער באדינען ניו יארקער, אריינרעכענענדיג צום ביישפיל צו העלפן טרעפן דזשאבס פאר מענטשן, צו פארטיילן בענעפיטן אויף א מער ווירקזאמע אופן, נייע סארטן צוגענגליכקייט כלים און צו אויפכאפן און פארמינערן סייבער דראאונגען. די פאליסי וועט אויך זיכער מאכן אז אגענטורן בלייבן וואכזאם מיטן אפשאצן סיי וועלכע ריזיקעס פון נוצן AI סיסטעמען און אז זיי באשיצן זיך קעגן אומגעוואונטשענע תוצאות.

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק פאר א פירערין אין פארגעשריטענע טעכנאלאגיע אנטוויקלונג, ברענגענדיג פירמעס ווי Micron און TTM Technologies צו די סטעיט און אינוועסטירנדיג אין פארגעשריטענע סעמי-קאַנדאַקטער פארשונג גאון מעניופעקטשורינג אין אלבאני. גאווערנער האקול האט אויך פאראויס געשטופט פראיעקטן צו אריינברענגען טעכנאלאגיע אין ניו יארק'ס סקולס. אין דעצעמבער האט די גאווערנער אפגעצייכנט די אנהויב פון די ארבעט אויף די "סירעקיוּז וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינדזשענירונג, קונסט און מאטעמאטיק היי סקול" — צענטראל ניו יארק'ס ערשטע ראיאנישע טעכנישע היי סקול. אין יולי האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז "ניו יארק סטעיט אויסגעפלאסטערטע וועגן אין טעכנאלאגיע" (New York State Pathways in Technology) איז געשאנקען געווארן 31.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו אנגרייטן ניו יארקע סקול קינדער פאר דזשאבס וואס פארלאנגען ספעציעלע פעהיגקייטן אין טעכנאלאגיע.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס טשיעף אינפארמעישען אפיסער און דירעקטאר, דרו רעי, האט געזאגט,** "די אוועקשטעלונג פון די סאמע ערשטע סטעיט-ברייטע פאליסי איבער AI וועט דינען אלס א מאפע וויאזוי צו איינשפאנען די שנעל אויפשטייגנדע טעכנאלאגיע צו ארויסברענגען די מאקסימום בענעפיט בשעת'ן פארמינערן די ריזיקעס דערפון, און עס וועט ערגענצן די אויסערגעוויינטליכע ארבעט וואס אונזערע ארבייטער טוהען שוין יעצט פאר די בענעפיט פון די מענטשן פון ניו יארק. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, זענען מיר שטאלץ צו שפילן א וויכטיגע ראלע אין די סטעיט'ס קומענדיגע פאזע מיט AI, און די אנווייזונגען וועלן זיכער מאכן אז מיר טוהען דאס מיט יושר, אחריות און אפנקייט."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס EmpireAI אינציאטיוו וועט ארײנשטעלן קריטישע מיטלען אין די הענט פון SUNY'ס אויסערגעוויינטליכע פארשער און מחנכים. די פארגעשריטענע וויסנשאפטליכע כלים וועלן גענוצט ווערן סיי צו טרייבן פאר ערפינדונג און סיי צו אוועקשטעלן די רעקאמענדירטע סטאנדארטן פאר די עטישע באנוץ מיט AI'ס טראנספארמאטיווע כוח. SUNY איז שטאלץ צו שטיין אין שפיץ פון די אויפשטייגנדע פעלד און צו זיין א חלק פון גאווערנער האקול'ס לאנד'ס-פירנדע גרופע."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארק'ס העכערע בילדונג מוסדות, אריינרעכענענדיג CUNY, זענען שוין פון לאנג פירער אין פארשונג און אין געלערנטקייט, און די נייע אינציאטיוו און קאמפיוטערס איינריכטונג וועלן אונז ערלויבן צו צוזאמען פאראויס רוקן און זיך באנוצן מיט AI טעכנאלאגיע און אוועקשטעלן א מוסטער פאר די לאנד פאר די ארבעט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און פאר שותפים ווי די Simons Foundation וועמען'ס אינוועסטירונג אין Empire AI וועט ערלויבן פאר CUNY זיך צו באטייליגן אין די אונטערנעמונג און פארזעצן צו אונטערהייבן די טראנספארמאטיווע כוח פון פארשונג פאר די טובה פון די פובליקום."

**קאלאמביע אוניווערסיטעט פרעזידענט, מינוש שאפיק, האט געזאגט,** "די חזון פאר Empire AI איז צו צושטעלן פאר די אקאדעמישע פארשונג קאמיוניטי אין ניו יארק אן ערשט-קלאסיגע קאמפיוטערס איינריכטונג וואס שטיצט פארגעשריטענע פארשונג. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר דייטליכע חזון צו זיכער מאכן אז אקאדעמישע מוסדות אין ניו יארק סטעיט קענען ווייטער קאנקורירן און ווייטער קוקן אויף פאראויס אזוי ווי די שנעל-באוועגנדע טעכנאלאגיע זעצט פאר צו טראנספארמירן אונזערע לעבנס. קאלאמביע איז באגייסטערט ביז גאר צו זיין טייל פון די אינציאטיוו."

**קארנעל אוניווערסיטעט פרעזידענט, מארטא ע. פאלאק, האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו זעהן די אנטוויקלונג פון די מיטגעטיילטע קאמפיוטערס איינריכטונג וואס וועט אונטערשטיצן פארגעשריטענע פארשונג און פאראנטווארטליכע AI כלים פאר די בענעפיט פון אלע ניו יארקער. אזוי ווי ארטיפישעל אינטעלידזשענס פארשפרעכט צו טראנספארמירן אונזער עקאנאמיע, אונטערזוכן מעדיצינישע דורכברוכן און אהערשטעלן פרעצעדענטלאזע כלים פאר פארשונג, איז דאס וויכטיג ביז גאר אז אקאדעמישע פארשונג אינסטיטוציעס ווי קארנעל זאלן אריינגיין אין שותפות'ן צו מאכן AI טעכנאלאגיע צו זיין אמבעסטן אין דינסט פון די טובה פון די פובליקום. איך וויל באזונדערס באדאנקען גאווערנער האקול פאר א דורכברעכנדע צוגאנג וואס וועט עפענען פיאנירנדע AI פארשונג דורך און צוזאמען מיט קארנעל איינגעשטעלטע, און עס וועט ארויפשטעלן ניו יארק אויף די סאמע פראנט פון ארטיפישעל אינטעלידזשענס ערפינדונג."

**ניו יארק אוניווערסיטעט פרעזידענט, לינדע דזש. מילס, האט געזאגט,** "וויסנשאפטליכע אנטדעקונג און ערפינדונג אריבער פארשידענע פעלדער איז די תוצאה פון שווערע ארבעט און צוזאמענארבעט, און עס ווערט מער און מער געטריבן דורך צוטריט צו מער און מער קאמפיוטער כוח. NYU איז באגייסטערט

זיך צו אנשליסן מיט אונזערע אקאדעמישע שותפים אריבער די סיטי און סטעיט צו זיכער מאכן אז Empire AI העלפט ניו יארק בלייבן איינס פון די וועלט'ס-פירנדע טעכנאלאגישע הויפטשטעט און אויף די סאמע פראנט פון AI טעכנאלאגיע. מיר באדאנקען אויך גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט און פארפליכטונג צו די סארט לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונג וואס ערמעגליכט גענוגיגע אוניווערסיטעטן צו דורכפירן וויכטיגע פארשונג, און דערמיט צו ביישטייערן צו ניו יארק'ס בליהאונג, שאפן נייע דזשאבס און נייע עקאנאמישע פעלדער און פארזיכערן ניו יארק סטעיט'ס טעכנאלאגישע פירערשאפט פאזיציע פיל אריין אין די צוקונפט."

**רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט פרעזידענט, מארטין א. שמידט, האט געזאגט,** "זינט אונזער גרונדונג 200 יאר צוריק איז אונזער מיסיע ביי די רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט געווען צו שטופן פאר טעכנאלאגישע אנטדעקונג פאר די בענעפיט פון יעדן. יעצט, אין די בעפארשטייענדע יאר הונדערט און אלס א גרונדנדע מיטגליד פון Empire AI, וועלן מיר פארזעצן מיט די מיסיע דורכן ווייטער זוכן וויאזוי ארטיפישעל אינטעלידזשענס קען פארבעסערן יעדן'ס לעבן. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול'ס חזון צו צוזאמברענגען די סטעיט'ס פראמינענטסטע פארשונג אינסטיטוציעס צו פארווירקליכן ממשיות'דיגע באנוצן מיט AI וואס זענען פיאנירנד, מאכטפול און זיכער."

**Simons Foundation פרעזידענט דעיוויד ספערגעל האט געזאגט,** "די Simons Foundation איז באגייסטערט צו זיין א שותף ביים בויען די נייע AI איינריכטונג וואס וועט ערמעגליכן פארשער ביי CUNY, די Simons Foundation'ס Flatiron Institute און אנדערע ניו יארק סטעיט שותפים צו האבן צוטריט צו די פארגעשריטענסטע מיטלען."

**פון די גרינדער און וויצע טשערמאן פון Bloomberg LP, טאם סעקונדע, האט געזאגט,** " Empire AI איז א געוואלדיגע טריט פאראויס צו זיכער מאכן אז אונזער סטעיט און לאנד קענען איינשפאנען, פארשטיין און ברענגען צום דינסט אויף א דורכגעטראכטן אופן די לעצטע ערפינדונגען אין די ארטיפישעל אינטעלידזשענס און קאמפיוטער פעלדער צו אנדעקן נייע גרעניצן און באדינען אלע ניו יארקער. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פירערשאפט און פאר די סטעיט'ס שותפות דאס צו מאכן פאר א רעאליטעט. עס וועט אויספירן א פליכט צו באדינען א דור פון פארשער און ברענגען האפענונג און געלעגנהייט פאר יעדן."

**פרעזידענט און CEO פון Tech:NYC, דזשולי סעמיועלס, האט געזאגט,** "Empire AI איז באגייסטערנד ווייל עס שטעלט פעסט אוועק אונזער סטעיט אין די סאמע צענטער פון AI אנטוויקלונג. דורכן צוזאמברענגען טייל פון די לאנד'ס פירנדע פארשונג אינסטיטוציעס צוזאמען מיט שותפים אין די פריוואטע סעקטאר, מאכן מיר זיכער אז צוטריט צו ערשט-קלאסיגע קאמפיוטער כוח ווערט מיטגעטיילט צווישן גלאבאלע פירמעס, נאָנ-פראפיט אינסטיטוציעס און אקאדעמישע עקספערטן אין ניו יארק. AI טעכנאלאגיעס זענען אויסגעשטעלט צו טראנספארמירן די וועגן אין וועלכע מיר לעבן און ארבעטן, און די שותפות'ן זענען גאר וויכטיג צו טרייבן די שוואונג פון דורכברעכנדע ערפינדונג און ביזנעס אריבער די סטעיט. מיט Empire AI, טוהען מיר פיאנירן זיכערע, גערעכטע און צוגענגליכע AI ערפינדונגען וואס וועלן בענעפיטירן יעדע ווינקל פון ניו יארק'ס עקאנאמיע."

###

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן